**שלום עליכם**

(צום ערשטען מאָל פאַרעפענטליכט, לויט שלום־עליכם'ס נאָכגעבליבענעם כתב־יד).

# די גאָלדגרעבער

א קאָמעדיע אין פיר אַקטען, פינף בילדער.

*Copyright by Olga Rabinowitz (Sholom Aleichem)*

(אויפפיהרען, אדער איבערזעצען אויף אנדערע שפּראַכען, אהן ערלויבניש פון פרוי אָלגא ראַבינאָוויטש (שלום־עליכם), איז פאַרבאָטען).

## פערטער אַקט.

### ערשטעס בילד.

(דאָס אַלטע בית־עלמין.— גאַנץ אַלטע מצבות.— איניגע שטעהען אָנגעבויגען, איניגע זיינען איבגאַנצען איינגעפאַלען. — אַ פּאָר אַלטע שטיבלאַך מיט ווייסען געקאַלכט.— דאָס פעלד איז מיט גרינס באַוואַקסען.— געשיצט פון איין זייט מיט אַ באַרג, פון דער אַנדערער זייט — ניט קיין הויכער פּאַרקאַן.— עס איז פאַרנאַכטליך.— אויסגעלאָשען דער לעצטער שטראַל פון דער פאַרגעהענדער זון.— פון די ווייטע בוימער הערט זיך אַ געזאַנג פון'ם בית־עולם סאָלאָוויי.— עס הערשט אַ פייערליכע שטילקייט, אַ שטילע מרה־שחורה.— אויפ'ן פּאַרקאַן באַווייזט זיך האָלאָוועשקע'ס קאָפּ, דערנאָך האָלאָוועשקע אינגאַנצען. עמיצער שטופּט איהם אונטער).

**האָלאָוועשקע**

(אָנגעטאָן אין אַ רעגענמאַנטעל מיט אַ קאָלפּעק אויפ'ן פּאָליציייסקי היטעל).

האָלאָוועשקע (שטיל): אָסטאָראָזשנע! פּאָוואָלינקע! איך קאָן מיך נאָך פאַרטשעפּען און חלילה אויסברעכען אַ פוס... דיעלאָ ריסקאָוואַנאָיע!... (איידער האָלאָוועשקע שפּרינגט אַראָפּ, וואַקסט אויס נאָך איהם בעני בען, אויך אין אַ רעגענמאַנטעל).

**בעני בען.**

בעני (שפּרינגט אַריבער פון דער זייט פּלויט, ציהט אויס ביידע הענט צו האָלאָוועשקע'ן): העלאָ! גיכער! זיי קאָנען באַלד אָנקומען און פּאַקען אונז אָט אַדאָ — דאַן איז פאַרפאַלען די גאַנצע שפּיעל. (נעמט האָלאָוועשקע'ן אויף די הענט). אָט אַזוי. אָללרייט!: (געהען ביידע פאָרזיכטיג ביים פּלויט צו דער סצענע צו, איינגעבויגען, מיט שטילע טריט, שטעלען זיך אָפּ, גלייכען זיך אויס, רעדען שטיל, האַלטען קליינע לאַנטערנעס אין די הענט).

בעני: געדענקט־זשע, מיסטער האָלאָוועשקע, וואָס איהר האָט צו טהון... זעהט איהר? (ווייזט איהם מיט דער האַנט אויף איינעם פון די ווייסע שטיבלעך). איהר דאַרפט זיך אוועקלעגען אָט אַ דאָרטען אונטער יענעם שטיבעל. דאָרט ליגט באַהאַלטען דער אַלטער רב... דאָרט זוכען זיי דעם אוצר... יו ענדערסטענד?

האָלאָוועשקע: איך פאַרשטעה... דיעלאָ פּאָניאַטנאָיע!

בעני: שטיל דאַרפט איהר ליגען, זיך קיין ריהר ניט טהון, אויסוואַרטען די מינוט, ווען דער חלפן וועט בלייבען אַליין, זאָלט איהר איהם אָנרופען ביים נאָמען און זאָגען איהם דאָס, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט. געדענקט איהר די ווערטער עקזעקטלי?

האָלאָוועשקע: אַ קאַק זשע? איך האָב זיי אויסגעלערענט אויף אויסווייניג אַזוי ווי „אָטשע נאַש"... איך קאָן אייך זיי איבערחאַזערען, אויב איהר ווילט. דיעלאָ מינוטנאָיע!...

בעני: אָללרייט! דער עיקר די שטימע, דאָס קול! עס דאַרף זיך דאַכטען ווי עס געהט אַרויס פון דער ערד. יו ענדערסטענד?... אָללרייט! און איך געה אַהין, דאָרט וואו מיין אָנקעל דרעהט זיך אַרום שוין פון אַ פּאָר נעכט... איך וועל איהם שוין צורעכט מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל שלאָגען מיט'ן חלפן כפּרות און אָפּגעבען די טאָכטער צו אייך. גוד ביי! (ציהט אויס האָלאָוועשקע'ן די האַנט).

האָלאָוועשקע (קוויינקעלט זיך): ווי מיינט איהר מעזשדו פּראָטשים? עס קאָן זיך ניט טרעפען מיט מיר עפּעס אַ נעשטשאַסטנע סלוטשאַי? איך בין נאָך קיין מאָל ניט געוועזען ביינאַכט אויף אַ קלאַדבישטשע...

בעני (כלומרשט קאַלטבלוטיג): וועלל! אַז איהר זענט אַזאַ העלד, וואָס האָט מורא פאַר אַ טויטען...

האָלאָוועשקע: וואָט טיביע זדראַווסטוואָי! (נעמט אַ העלדישען טאָן). דאָס ווייסט איהר, אַז איך בין געוועזען פּאָד סעוואַסטאָפּאָלים? איך האָב אַ נאַגראַדאַ פון'ם קייסער... איך...

(עס זעהען זיך פון דערווייטען פייערלאַך, פריהער איינס, דערנאָך נאָך איינס, נאָכדעם אַ סך).

בעני: דער עולם געהט זוכען דעם אוצר... לאָמיר זיך באַהאַלטען... (צעגעהען זיך דער אַהער, דער אַהין, ווערען פאַרשוואונדען).

(בעני, האָלאָוועשקע אָב).

(באַ־לאַכווייז קומען זיך צונויף אידען מיט לאַנטערנעס אין די הענט, אַלע מענספּערזאָנען פון דער קאָמעדיע.— די לבנה, העכער האַלב אין די וואָלקענס, באַגיסט מיט אַ העלזילבערנער שיין דאָס גאַנצע פעלד און די מרה שחורה'דיגע פּנים'ער פון די פיגורען.— זיי געהען האַרט ביי דער ערד.— באַזונדער געהט אידעל טאַרבע, פיהרט איציק'ן פאַר אַ האַנט.— די פיגורען באַוועגען זיך לאַנגזאַם, רעדען צווישען זיך שטילערהייד).

מאַזגאָוואָיער, באָרד, לאַקירדע, דערבאַרמיגער, אידעל, איציק,

ערשטע פיגור: הערט איהר, אידען, עס זאָגט מיר דאָס הארץ, אַז מיר וועלען שוין אַזוי פיעל ניט זוכען, ווי מיר האָבען געזוכט... נאָהענט איז די ישועה. (זיפצט).

צווייטע פיגור: די ישועה איז נאָהענט.

דריטע פיגור: הלואי, רבונו של עולם! שוין צייט...

פערטע פיגור: שוין לאַנג צייט. נאָר וואָס קומט אַרויס?

פינפטע פיגור (זיפצט): אוי, רבונו של עולם! רבונו של עולם!...

(פּויזע).

ערשטע פיגור: ווייסט איהר, וועמען איך בין מקנא? די טויטע.

צווייטע פיגור: די טויטע.

דריטע פיגור: זיי ליגען זיך רוהיג... זיי זיינען שוין זייערס אָפּגעקומען...

פערטע פיגור: דאַרפען ניט אַרויסקוקען אויף נסים. אויף אוצרות...

פינפטע פיגור: אוי, גאָטעניו! גאָטעניו! (וויינט שטיל, פאַרשטיקט).

(פּויזע).

ערשטע פיגור: אידען, זעהט איהר ניט דאָרט אַ פייערעל בלישטשען?

צווייטע פיגור: עס בלישטשעט אַ פייערעל...

דריטע פיגור: מיר דאַכט אייך, אַז אַ פייערעל... אפשר איז דאָס דער אוצר...

פערטע פיגור: עס חלומ'ען זיך אייך פייערלעך... ס'איז טאַקע פון אונזערע איינענע לאַנטערנעס...

פינפטע פיגור: אוי, טאַטע־פאָטער!... (כליפּעט).

(פּויזע).

ערשטע פיגור: אָט אַזוי איז תמיד די טבע פון אַן אוצר: אָט באַווייזט ער זיך, און אָט ווערט ער פאַרשוואונדען.

צווייטע פיגור: פאַרשוואונדען...

דריטע פיגור: מסתמא זיינען מיר ניט זוכה ביים אויבערשטען... אָדער אפשר האָבען מיר זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט...

פערטע פיגור: וועמען ליגט אין קאָפּ זינדיגען, משטיינס געזאָגט?...

פינפטע פיגור: זיסער גאָט! (זיפצט).

(פּויזע).

ערשטע פיגור: און אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר טרעטען אויף די הייליגע קברים? ווי מיינט איהר, אידען? דאָ ליגען סאַמע קדושים נאָך פון כמעלניצקי'ס צייטען...

צווייטע פיגור: פון כמעלניצקי'ס צייטען...

דריטע פיגור: און גלאַט גדולים... די צוועלף צדיקים...

